# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. אין די וואכעדיגע סדרה באפעלט דער אייבערשטער פאר אהרן הכהן אנצוצינדען די מנורה אין דעם משכן. זאגט רש"י אז "בהעלותך" איז א לשון פון ארויפגייען, אז אהרן דארף עס אנצינדען ביז דער פלאם וועט ארויפגיין פון זיך אליינס.

דאס ווארט "בהעלותך" איז אפשר מרמז אויף א טיפערער ענין וואס איז נוגע אין אונזער טאג–טעגליכע לעבן. שלמה המלך ע"ה זאגט "נר ה' נשמת אדם וכו'" (משלי כ,כז) ד"ה, די נשמה ווערט אנגערופן א "נר" – א "לעכט". אויב אזוי, קען מען אפשר טייטשן דעם פסוק אזוי: "...בהעלותך את הנרות וכו'" מיינט אז ווען מען צינד אן די נשמה, איז נישט גענוג סתם אנצוצינדען, נאר מען דארף מאכן זיכער אז די נשמה זאל ברענען פון זיך אליינס.

די חכמים האבן אונז געזאגט: "אל תאמן בעצמך עד יום מותך" (אבות ב,ד) ד"ה, איינער זאל נישט מיינען אז זיין מדרגה אין רוחניות איז גענוג שטארק. נאר, א איד דארף אייביג זוכען צו שטייגן אין יראת שמים און שמירת המצוות. אזוי ווי דער ברטנורא איז מסביר "שהרי יוחנן כהן גדול שימש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף נעשה צדוקי (ברכות כט.)" דערפאר, זעהט מען אז רוחניות איז א זאך וואס מען מוז זיך כסדר מחזק זיין, כדי נישט צו פאלען אין עבודת ה', חס ושלום.

עס ווערט געברענגט א משל אויפן מצב פון א איד אין די וועלט. א פיש וואס שווימט מיטן שטראם פונעם טייך איז ספק חי, ספק מת. ווייל עס קען זיין אז א פיש וואס שווימט מיט די וואסער איז טאקע א לעבעדיגע פיש וואס שווימט מיט די וואסער. אבער, עס קען זיין אז דער פיש איז א טויטער וואס די וואסער שלעפט מיט. אבער א פיש וואס שווימט קעגען דעם שטראם איז אוודאי א לעבעדיגע פיש, ווייל נאר א לעבעדיגע פיש קען שווימען קעגען דעם שטראם. די זעלבע זאך איז ביי א איד. ווען מען זעהט א איד וואס פירט זיך אנדערש פון די גוים סיי מיט זיין לבוש סיי מיט זיין שפראך, און סיי מיט זיין התנהגות, ווייזט דאס אז ער איז א איד ווייל ער גייט קעגען די דרויסענדיגע שטראם. די פאלגענדע מעשה טוהט אונז מעורר זיין אייביג צו שטייגן אין רוחניות.

"סטיוו" מיללער (נישט זיין עכטע נאמען) איז געווען א פרייער איד וואס איז אויפגעוואקסן אין דעם סטעיט "מאסעטשוסעטס". זיינע עלטערן האבן נישט געוואלט שיקן זייער זוהן "סטיוו" צו לערנען אין "פאבליק סקול". אבער ליידער די איינציגסטע פריוואטע סקול אין די געגענט איז געווען א קאטוילישע סקול. פאר די פרייע מיללער משפחה איז עס נישט געווען קיין נפקא מינה אז דער סקול איז געווען א קאטוילישע סקול, נאר אז עס זאל נישט זיין קיין "פאבליק סקול".

סטיוו האט געלערנט אין די קאטוילישע סקול א גוטע פאר יארן. זיינע "טיטשערס" זענען געווען גלחים, רח"ל. סטיוו האט געוואוסט אז ער איז א איד, נאר, ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין חינוך צו וויסן וואס עס מיינט צו זיין א איד.

איין טאג, אין זיין לעצטע יאר אין סקול, ווען ער איז געווען בערך 17 יאר אלט, האט סטיוו געדארפט שרייבן פאר די סקול א לאנגע באשרייבונג אויף עפעס א באקאנטע מענטש אין די היסטאריע פון די וועלט. סטיוו איז געגאנגען זוכען א מענטש אויף וועמען צו שרייבען. ער האט דורך געקוקט אסאך ביכער, אבער ער האט גאר נישט געטראפן עפעס אינטערעסאנט צו שרייבן. פלוצלינג האט ער געזעהן א ביכעל וועגן דעם רמב"ם. סטיוו האט קיינמאל נישט געהערט פון דעם רמב"ם. ער האט דורכגעקוקט דעם ביכל און ער איז מוראדיק נתפעל געווארן פון דעם צדיק. האט ער מחליט געווען צו באשרייבן דעם רמב"ם זי"ע. א שטיק צייט שפעטער האט ער געענדיגט דעם באשרייבונג און ער האט עס אריין געגעבן צו דעם גלח. דעם נעקסטען טאג, האט דער גלח אריין גערופן סטיוו צו רעדען מיט איהם. דער גלח האט איהם געפרעגט: "איך זעה אז דו האסט געמאכט דיין באשרייבונג אויפ'ן רמב"ם. פארוואס האסטו אויסגעוועלט דעם רמב"ם?"

"איך ווייס נישט," האט סטיוו אנגעהויבען צו זאגן. "אבער, עס קען זיין ווייל איך בין א איד."

דער גלח איז געווען איבעראשט. "דו ביסט א איד? איך האב קיינמאל נישט געוואוסט! פארוואס ביסטו געקומען לערנען דא אין א קאטוילישע סקול אויב דו ביסט א איד?" האט דער גלח געפרעגט.

סטיוו האט נישט געוויסט וואס צו ענטפערן, דערפאר האט ער גאר נישט געזאגט פארן גלח. אבער, ער האט געטראכט, "אויב איך בין א איד, פארוואס טאקע בין איך געקומען לערנען דא אין א גויאישן סקול?" סטיוו האט זיך מתבונן געווען אויף די שאלה א פאר חדשים ביז ער האט געענדיגט סקול. זיינע עלטערן האבן געוואלט געבן סטיוו א מתנה ווייל ער האט געענדיגט סקול. זיין טאטע האט איהם געזאגט אז ער מעג אויסקלויבן א טיקעט צו פארען וואו ער וויל.

די עלטערן זענען געווען אביסל צומישט צו הערן אז סטיוו האט געוואלט פארען קיין ארץ ישראל. סטיוו האט געוואלט פארן קיין א"י ווייל די שאלה פון דעם גלח האט איהם געשטערט. "אויב איך בין א איד, וואס טוה איך אויף די וועלט?" האט סטיוו געטראכט. ער האט געוואוסט אז ארץ ישראל איז א באזונדערע פלאץ פאר אידן.

פאר ער איז אוועק געפארן קיין א"י, איז סטיוו געגאנגען זיך געזעגענען פון דעם גלח. דער גלח האט סטיוו "אנגעוואונטשן" אלעס גוט און ער האט סטיוו געגעבן א קליינע שטיקל פאפיר מיט א טעלעפאן נאמבער. דער גלח האט געזאגט פאר סטיוו: "ווען דו גייסט זיין אין ירושלים, רוף די נאמבער." סטיוו האט נישט געוואוסט וואס דאס איז, אבער ער האט גענומען די פאפיר.

א שטיק צייט שפעטער איז סטיוו אנגעקומען קיין א"י. ער האט גלייך געשפירט א התעוררות ווען ער איז אראפגעגאנגען פונעם עראפלאן. באלד דערנאך, איז ער געפארען קיין ירושלים עיר הקודש. די התעוררות איז געווען נאך גרעסער אין די הייליגע שטאט, בפרט ביים כותל. נאך א פאר טעג אין ירושלים האט סטיוו גערופען דעם נאמבער וואס דער גלח האט איהם געגעבן.

דער נאמבער האט געקלינגען ביי א ישיבה פאר בעלי תשובות. סטיוו האט נישט געוואוסט אפילו וואס א ישיבה איז! דער מענטש אויפן טעלעפאן האט איינגעלאדענט סטיוו צו קומען באזוכן די ישיבה. סטיוו איז געווען נייגעריג, דערפאר האט ער מסכים געווען צו קומען באזוכן אין די ישיבה.

די רבנים אין די ישיבה האבן גערעדט אביסל מיט סטיוו. סטיוו האט דערציילט ווי איבערגענומען ער איז געווען צו זיין אין ארץ ישראל. די רבנים האבן געלייגט סטיוו אין א שיעור פאר מתחילים.

סטיוו האט קיינמאל נישט געלערנט קיין תורה. אבער, צוביסלעך איז ער געווען מער און מער איבערגענומען פון די הייליגע שיעורי תורה וואס ער האט געהערט אין ישיבה. באלד דערנאך האט ער אנגערופן זיין טאטע צו דערציילן אז ער גייט בלייבן אין א"י כדי צו לערנען אין ישיבה.

סטיוו איז געבליבן עטליכע חדשים אין ישיבה וואו ער האט אויף זיך מקבל געווען שמירת שבת, תפילין, ציצית, און כשרות, וכו'. ווען סטיוו איז שוין געווען א געהעריגער בעל תשובה, איז ער אהיים געפארן צו זיינע עלטערן. אינדערהיים, איז ער געגאנגען באזוכען דעם גלח. ער האט געוואלט וויסן פארוואס דער גלח האט איהם געשיקט צו די ישיבה.

דער גלח האט איהם דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה. ווען דער גלח האט געלערנט אין מאנאסטיר, האט ער געדארפט פארן ארום דער וועלט צו זעהן אלע פלעצער פון יעדע רעליגיע. ווען ער איז געווען אין ירושלים, ער איז איין טאג געגאנגען אויפ'ן גאס ווען א רב האט איהם אפגעשטעלט. דער רב האט געמיינט אז דער יונגער גלח סטודענט איז געווען א פרייער איד פון אמעריקע, ווייל דער גלח האט אויסגעקוקט ווי אן אמעריקאנער.

דער רב האט איינגעלאנדענט דעם יונגען גלח סטודענט צו קומען לערנען אין ישיבה. דער גלח האט מסכים געווען און ער האט אנגעהויבן צו לערנען אין יענע בעל תשובה ישיבה. דער גלח האט זייער שטארק ליב געהאט די אינטערעסאנטע זאכן וואס ער האט געלערנט אין ישיבה. אבער, נאך צוויי וואכן האט ער מחליט געווען צו פארלאזן די ישיבה, ווייל ער האט נישט גוט געפילט אז זיי האבן געמיינט אז ער איז א איד. דער גלח האט אבער געשפירט א הכרת הטוב פאר די ישיבה. דערפאר, האט ער געוואלט צוריקבאצאלן פאר די צוויי וואכן וואס ער האט געלערנט דארט. דער גלח האט נאר געהאט די געלעגענהייט צו צוריקבאצאלן אסאך יארן שפעטער ווען ער איז געוואויר געווארען אז סטיוו איז א איד! יש הרבה שלוחים למקום! גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדתו, בת בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בשעטומ"צ**

מזל טוב להרה"צ רבי צבי אלימלך האלבערשטאם שליט"א לרגל שמחת נשואי בנו יוחנן נ"י בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י

לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**